ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נפלאות
# רבי נתנאל

אידיש

**306**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# נפלאות רבי נתנאל ז"ל

און פוילען איז אמאל געוועזן א גרויסער גביר. א קלוגער ייד און א למדן. א גדול בישראל. מיט'ן נאמען רבי נתנאל. ער האט און זיין גאנץ לעבען קיין קינדער נישט געהאט נאר אויף דער עלטער האט איהם זיין ווייב געבוירען א צווילינג. וויא דיא קינדער זענען נאר געווארען דרייא יאהר אלט האט זייא דער פאטער אליין גענומען און האט זייא ארויפגעזעצט זיך אויף דיא אקסלען און אוועקגעטראגען און חדר אריין. דען זייענדיג א הייסער ייד. א ירא שמים און ליב האבענדיג דיא קינדער האט ער זייא פון דיא פריער יוגענד געוואלט טהנך זיין און תורה און מצות. און אזוי איז געוועזן זיין שטייגער אלע טאג ביז דיא קינדער זענען אונטער געוואקסען. זענען געווארען ניין יאהר אלט. זייא האבען אליין אנגעהויבען צו פערשטעהן אז פאר אזעלכע יונגלעך פאסט נישט צו רייטען אויף'ן טאטענס אקסעל און זייא האבען געזאגט אז דער פאטער זאל זייא מעהר נישט טראגען. זייא קענען געהן צו פוס. פון דאמאלס אהן פלעגען זייא שוין געהן מיט דיא פיס. דער פאטער פלעגט זייא נאר אהן נעמען בייא דיא הענד און אזוי אוועק פיהרען און חדר אריין. עס איז אוועק געגאנגען א דרייא אוידער פיער חדשים. האבען זייא שוין שכל געהאט צו זאגען טאטע וואס דארפסט דיך אזוי פיעל בעמיהען. אלע טאג און דער פריה און אבענד צו פיהרען אונז און חדר אריין און פון חדר. דיא ביסט דאך א אלטער מאן א מענטש און דיא יאהרען עס איז דאך דיר שווער. ביסט דאך

ואך א דאנק נאט אומטמאנד אונז
צו דינגען א מענטש א בעהעלפער
וואס זאל אונז אבפיהרען. דער פאטער
האט זייא נעפאלגט אונ אזוי געטאהן
אלע טאג פינט ער זייא מיט געבען
א צוואנציג קאפיקעס זייא זאלען זיך
האבען צו קויפען אויב עס וועט זיך
זייא עפעס וועלען. אונ א בעהעלפער
פלעגט זייא אבפיהרען; איין מאהל
געהענדיג פון דער היים אונ חדר ארייין
זענען זייא פערבייא געגאנגען בייא א
טהיר פון פאטערס א קאנישניע (א
פערד שטאל) דער זעהענדיג דיא פערד
אזא גרייסע בריאה וואס זייא האבען
נאך אונ לעבען נישט געזעהן. האבען
זייא געפרעגט דעם בעהעלפער ער
זאל זייא זאגען וואס דאס איז. דער
בעהעלפער האט זייא געזאגט אז דאס
זענען פערד צום רייטען. אז מען
דארף ערגעץ געהן. געשעפטליך אדער
שפאצירען זעצט מען זיך אויף רייט=
ענדיג אונ דאס פערד טראגט אוועק.
מיר ווילען זיך אויך אויס לערנען
רייטען. האבען דיא קינדער געזאגט.
מיר וועלען פרובען אויב מיר קענען
רייטען. דער בעהעלפער האט מורא
געהאט פאר'ן פאטער ער זאל נישט
שרייען אונ האט זייא נישט געוואלט
לאזען. אהן טאטען קען איך נישט.
האט ער געזאגט. ער וועט זיך אויף
מיר בייזערען. זיין אונ כעס. די קינ-
דער האבען איהם אבער בשוואוירען
אונ נישט אבגעלאזען ער זאל זייא
לאזען א ביסעלע רייטען א קליינע
וויילע זייא וועלען נישט לאנג
פערברענגען. נאר פרובען וועלען זייא
באלד געהן אונ חדר ער זאל גאר
קיין מורא נישט האבען. דער בעהעלפער
האט זיך נישט געלאזט זייער לאנג
בעטען אונ אויפגעזעצט ביידע יונגליך
אויף צווייא פערד. האט זייא ארום
געפיהרט אונטערען שטאט פערווייילט
א שעה צייט אונ געגאנגען אונ חדר
אויף מארגען האבען זייא ווידער
איבערגעחזר'ט דאס זעלבע וואס געלטען
אונ האבען זיך שוין פערווייילט צווייא
שעה אונ אזוי האבען זייא וואס ווייטער
אלס מעהר באלעמוטשעט. דער בא=
העלפער דאט זאגאר אויף זייא אנגע=
שריגען. ער האט זיך געבייזערט. זיי
האבען איהם אבער גישט געהערט ביז
עס איז געקומען אזוי ווייט אז זייא
האבען דארט פערבראכט א גאנצען
טאג אונ גאר אונ חדר נישט געגאנגען
דער מלמד האט עס נישט געמערקט
רעכענדיג אפשר ווייל זיי זענען צייט=
ריגע קינדער לאזט מען זייא נישט
געהן. אדער ווייל זייא זענען
שוין אונטער געוואכסען אונ זענען שוין
געקומען אויף א שטייגער דער פאטער
זאל מיט זיי אליין לערנען אזוי ארום
האט ער נישט געשיקט נאכפרעגען
און מודיע זיין דעם פאטער אז זיי
קומען גארנישט און דער פאטער האט
אלזא פון דעם גארנישט געוואוסט:
ויהי היום. ווי זיי שפאצירען אזוי
איבער פעלדער און גערטנער
לויפען הין און צוריק. דען זיי האבען
שוין געקענט גוט רייטען געקענט
לויפען ווי אמת'ע הולאנער. איז
פערביי געפאהרען א גענעראל פון
קייזערליכען הויף און שפאניען,
וועלכער איז אהין געקומען צוליעב
אירגענר וועלכען איז צופאל. און איז
איצט געפאהרען צוריק אין זיין לאנד
אהיים אין שפאניען. און ווי ער האט
געזעהן די קינדער שענע קינדער האט
זיך איהם זייער געוואלט זיי נעהמען
צו זיך און האלטען זיי. ערציהען
אלס אייגענע קינדער. ווייל ער האט
אלהן

אליין קיין קינדער נישט געהאט. געווען איז ער זייער רייך. אויך דא האט ער געהאט א סך משרתים. ער האט אלזא געשיקט זיינע דינער זיי זאלען זיי חאפען. זיי האבען זיי שנעל נעחאפט. ארויבגענומען פון די פערד און נעבראכט צו דעם געגעראל די קינדער וויינען. שרייען. נאר דער שר רעדט זיי איין מיט גוטע. ווייכע און זיסע רייד. ער ווייזט זיי די גרויסע רייכקייט. וואס ער וועט זיי געבען. זיי זאלען זיך נארנישט שרעקען. ביי מיר. זאגט ער. וועט איהר זיך פרעהליכער ווילען און מעהר פערגעניגען האבען. איהר וועט האבען אלץ וואס אייער הארץ גלוסט. איך וויל מעהר נישט נאר איהר זאלט ביי מיר זיין ווי מיינע קינדער. ביי מיר עסען. ביי מיר טרונקען ביי מיין טיש פון דאס שענסטע און בעסטע. און נאך מיין טויט וועט מיין גאנצע עשירות געהערען צו אייך. דער באהעלפער וואס האט זיי בעגלייט ועהענדיג אזא מעשה האט ער זייער מורא געהאט. עס האט איהם זייער באנג געטהאן וואס ער האט זיי געלאזען גאנצע טעג ארומרייטען אויף די פעערד ער האט אלזא געמאכט פליטה. איז ענטלאפען און צוריק אין שטאדט שוין מעהר נישט געקומען. אין אבענד ווי עס איז געקומען די צייט אלס זיי האבען בעדארפט קומען פון חדר און דער פאטער רבי נתנאל האט געזעהן אז די קינדער שפעטיגען זיך און זענען נישטא. האט ער געשיקט א משרת אין חדר פרעגען דעם מלמד די מעשה וואס ער האט זיי אזוי לאנג. שוין אזוי שפעט און זיי זענען נאך נישטא. האט דער מלמד געזאגט אז ער ווייס גאר נישט. שוין צוויי חדשים אז זיי קומען גארנישט ער זעהט זיי גארנישט אן. דער פאטער האט אלזא געשיקט זוכען איבער'ן גאנצען שטאדט. אין אלע גאסען. אויסגעזוכט אלע לעכער און געווען אויף אלע שאסייען. און פון זיי איז נישט געווען צו דערגעהן קיין שפור קיינער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגען. רבי נתנאל האט אלזא אנגעטאן אזאק האט זיך געלייגט אונ אש. קלאגענדיג אויף זיין אונגליק. א לאנגע צייט האט ער איבער זיינע קינדער געטרויערט אונ זיך איבער זיי נישט געקענט טרייסטען:

און די קינדער. קומענדיג אונ שפאצירען. ווי זיי זענען געקומען צו דעם שר אונ שטאדט. האט ער זיי ווירקליך אריינגעבראכט אונ א גרויסע עשירות. פערד צום רייטען האבען זיי זיך אויסגעקליבען די טייערסטע וועלכע זיי האבען נאר געוואלט. אונ שקלאפע זענען פאר זיי געלאפען. דאס האבען זייא גאר אונ דערהיים נישט געהאט מעהר אז דער באהעלפער וואס פלעגט זיי אונטערפיהרען אונ פחד. דען דער געגעראל איז געווען איינער פון די גרעסטע אונ לאנד דער זיעבענטער פון די צוועלף קארדינאלען וואס זיטצען אונ ערשטען ראנג פון קייזערליכען סענאט. אונ געווען איז ביי זיי איינגעפיהרט אז ווען דער קייזער שטארבט אונ לאזט נישט איבער קיין זוהן וואס זאל פערנעהמען זיין שטעלע אלס קעניג ווערד קייזער דער ערשטער פון די צוועלף. דער צווייטער געבען איהם ווערד „משנה למלך" אונ אזוי אלע כסדר פערנעהמען העכערע ערטער אונ יענע צייט איז ווירקליך דער קייזער געשטארבען אהן קינדער דער „משנה למלך" ד. ה. דער ערשטער פון די צוועלף איז אלזא געווארען מלך. אונ די

די איבעריגע זענען ארויף אויף העכערע מדרגות אזוי דער גענעראל. דער זיבענטער. איז איצט געווארען דער זעקסטער. א קורצע צייט שפעטער איז אויך דער קייזער געשטארבען אהן קינדער און דער שר איז געווארען דער פינפטער. בקיצור און פערלויף פון א יאהר פינף זענען פריהערדיגע קארדינאלען אוים געשטארבען. דער שר איז אלזא געווארען דער ערשטער קארדינאל. דאס הייסט: „משנה למלך" דיא צווייטע האנד פון קייזער. ווייצעקעניג, און אלס ער האט געזעהן אז דער איצטיגער קייזער איז אויך א אלטער מאן. האט אויך נישט קיין קינדער און מיט דער צייט קאן ער ווערען קייזער. דאן ווען יענער שטארבט פאלט דאך דער גורל אויף איהם האט ער צוגערופען די צווייא קינדער און געזאגט פאלגענדעס: זייט וויסען קינדער. ביז היינט האב איך אייך אלץ נאך געגעבען. איהר זענט געווען פראנק און פרייא. און געטאהן אלץ וואס אייער הארץ האט געגלוסט. איצט אבער זייט וויסען אז עס האלט נאהנט דיא מלוכה זאל צו אייך אנקומען. איהר וועט דארפען פיהרען דיא גאנצע ממשלה. פון היינט אהן מוזט איהר זיך אלזא איבערגעבען צו מלוכה אינטערעסען. לערנען אלע נוטיגע שפראכען און דיא גאנצע פאליטיק וואס א מלך דארף האבען זייא האבען איהם געמוזט צוזאגען אז זייא נעמען אויף זיך צום לערנען ער האט זייא געדינגען פראפעסארען איבער שפראך און וויסענשאפט גרויסע פאליטיקער. גוטע קעפ האבען זייא געהאט. און א קורצע צייט האבען זייא אלץ אויסגעלערנט. און האבען גוט געקענט דיא גאנצע פאליטיק ווייא מלכים דארפען זיך פיהרען. און א קורצע צייט ארום איז אויך דער קייזער געשטארבען. דער אויבענדערמאנטער שר איז אלזא קייזער געווארען נאך די ארדנונג פון יענע שפאנישע מלוכה האט א נייער מלך געהאט דיא פולע רעכט צו ענדערען דיא שרים ווייא איהם געפעהלט. דער איצטיגער קייזער האט בכן דיא צווייא בחורים וואס זענען בייא איהם פערעכענט געווען אלס קינדער געמאכט פאר דיא ערשטע צווייא קארדינאלען איינער איז געווארען „משנה למלך"— וויצעקעניג דער צווייטער דיא דריטע האנד פון קייזער. און א קורצע צייט איז אויך דער קייזער געשטארבען איינער פון דיא יונגע לייט דער ערשטער פון דיא קארדינאלען איז אלזא קייזער געווארען און דער צווייטער זיין ברודער. „משנה למלך" און גענומען פיהרען דיא מלוכה נאך דער הדרכה ווייא דיא פראפעסארען האבען זייא געלערענט. זייער היים און פאמיליע אז זייא שטאמען פון יודען האבען זייא גאר פארגעסען. זייער פאטער רבי נתנאל חסיד איז זייא שוין לאנג און קאפ נישט געלעגען. זייא האבען זיך גערעכנט ווייא דעם שר'ס אייגענע קינדער און האבען אויך גענומען נויע'טע ווייבער:

דער יונגער קייזער איז אבער דיא בויערען נישט געפעלען געוועזען און זייא האבען בעשלאסען צו מאכען א אויפשטאנד ארוים צו געהן אפען געגען דיא נייע רעגירונג. און פיעלע טער האבען זייא אויפגעהערט צאלען נאלאגען און זענען עפענטליך ארויס געטרעטען מיט קלארע דבורים אז זייא ווילען נישט זיין אונטערען שוץ פון דעם נייען קייזער. א יונגער א סמארקאטש. און גאר נישט צאהלען

אליין

זייא זיינען גרייט ארויס צו געהן אונ א עפענטליכען שטרייט ווען ער וועט אויף זייא ארויסרופען א מלחמה. זע=הענדיג די געפאר. האט ער געשיקט פיער. פינף פאלקאווארצעס מיט א גרויסע ארמיע אונ ארויסגערופען אויף זייא א מלחמה. דיא מורדים. (דיא מאטעזשניקעס) האבען געגעבען א ווידערשטאנד אונ אויסגעה'רגט דעם גרעסטען טהייל פון דיא קעניגליכע ארמיע. מען האט געשיקט קוריערען מודיע זיין דעם קייזער ער זאל ארויס שיקען צו הילף נאך חיל אבער אויך דאס צווייטע מאהל האבען די רעוואָ=לוציאנערען געזיעגט אונ פיעל אוים גע'הרגט פון קייזערס ארמעע. מען האט אלזא געשיקט צום קייזער א דריטען מאל. דעם דריטען מאל איז שוין די פראווילע אז דער קייזער אליין דארף געהן מיט'ן חיל אונ דיא מלחמה. און אזוי איז געוועזען. דער קייזער אליין און זיין ברודער דער וויצע קעניג זיינען ארויס מיט א גרויסע ארמעע. מיט נאר א שטארקע מאכט עס איז ענטשטאנען א גאנץ שטארקע מלחמה. פון ביידע צדדים זיינען געפאלען פיעל הרוגים דעם קייזערס ברודער. דער וויצע קעניג איז אונ דיא מלחמה אויך געהרג'עט געווארען. דעם קייזער האט זייער וועה געטאהן איבער זיין ברודער אונ ער האט בעשלאסען געהן צוריק. דיא גאנצע מלחמה איבער צורייסען. זעהענדיג דעם קייזער אונ אזא נידערגע=שלאגענעם צושטאנד האט מען שוין פון ביידע זייטען איינגעשטימט איין צוגעהן אויף א שלום. דער קייזער איז אלזא צוריק געפאהרען אהיים אונ גרויסען וועהמוט. בעקימערט אונ צערבראָכען. פאהרענדיג איז ער מיט די קאטש ארובער איבער פיעל הרוגים וואס זיינען געפאלען טויט און זיך געוואלגערט אויף'ן מיט'ן וועג. אונ מיטען האט ער זיך אבער אויפגעהאפט פון ארט. עס האט זיך געהערט א קרעכצען פון א מענש אויף דער ערד וואס געהט אוים פון די וואונדען אונ בעט זיך: געוואלט. דערהרג'עט מיך רעטעט מיך פון מיינע שווערע וואונדען די ביטערע יסורים. ער האט א קוק געגעבען אונ פענסטער פון קאטש און א מענש ליגט פיעל אונ וואונדען אונ אונ בלוט. ער האט באלד געהייסען דעם קוטשער איינהאלטען דיא פערד אונ בעפעהלען דעם דאקטאר וואס איז מיט איהם געפאהרען ער זאל זעהן דעם מענש אויב מען קען איהם נאך היילען. ראטעווען פון טויט. דער דאקטאר האט דעם פערוואונדעטען באלד אונטערזוכט אונ איז געקומען מיט די אנטוואָרט אז מען קאן איהם אויסהיילען. דער קייזער איז אלזא אליין ארויס געגאנגען האט גענומען דעם פערוואונדעטען אונ מיט די הילף פון דאקטאר אריינגענומען צו זיך אונ קארעטע. איהם באלד געגעבען דיא ערשטע הילף. ביז זיי זיינען געקומען אונ שטאדט. אונ ער האט איהם געבראכט צו זיך. צום קייזער אונ הויז. דער דאקטאר האט איהם געהיילט ווי דער קייזער האט געהייסען אונ א חדש צייט איז ער געזונד געווארען אונ דער דאקטאר האט איהם געשטעלט פאר'ן קייזער. וועלכער האט זיך איבער איהם זייער געפרעהט. אלס דער קייזער האט איהם געפרעגט ווער אונ פון וואנען ער איז האט איהם דער מענש געזאגט אז ער איז א יוד. ווי קומט דא א יוד? האט זיך דער קייזער געוואונדערט. ביי אונז אונ

לאנד

לאנר זענען דאך ניטשא קיינע יודען. אפילו א נפש אויף א רפואה? אדוני קעניג, האט ער געזאגט. זאל עס מיר זיין דורכלויכטענדע האהייט ניט רעכענען פאר קיין זינד, איך בין א יוד ניט קיין נביר. א ארעמאן קען מען זאגען. וואס פעהלט פרנסה. און זיך דיא שטיקעל ברויט וויא דורכצולעבען מיט מיין פאמיליע, און אזוי ווי עס האט זיך געלאזט הערען אז דא איז א מלחמה עס קומען אהן אסאך חיל. האב איך מיר פאר מיין קליינעם קאפיטאל. וויפיל איך האב פערמעגט. געקויפט אביסעל סחורה וואס געהט און די צייט פון א מלחמה וואס די זעלנער. די גאנצע ארמעע דארף נייטיג האבען, און געקומען פערמאטערט. אהן געזינד און אהן כחות פון די לאנגע וועג, עטליכע טעג האט עס מיר געדויערט אידער איך האב דער לעבט צו קומען אויף'ן גליקליכען ארט, וואו די מלחמה. צו פערקויפען מיין ביסעל סחורה. און אלס איך בין שוין - א דאנק גאט. איבער געקומען אלע „שבעה מדורי גהינם". שוין דערלעבט צו פערקויפען א טהייל סחורה און פערדיענט וויפיעל גאט האט געגעבען, די מלחמה האט זיך שוין אויך געענדיגט. און איך האב מיר שוין צו זאמען גענומען מיין ביסעל ארימקייט צו געהן אהיים. איצט זייענדיג אויף'ן וועג האבען מיך בעגע=גענט סאלדאטען. האבען מיך צעבייזלט און צעשלאגען און אוועק גענומען דאס ביסעל ארעמקייט מיין גאנין פערמעגען. וויפיעל קאפיטאל האסט דו געהאט? האט איהם דער קייזער געפרעגט אזוי פיעל און אזוי פיעל הונדערט גילדען. האט ער געזאגט וויפיל האסט דו פערדיענט און וויפיעל האסט דו געקענט פערדיענען פון דיא רעשט ביסעל סחורה וואס איז דיר געבליבען? דאפעלט האט ער געזאגט. נאך א מאל אזוי פיעל. דער קייזער האט באלד געהייסען זיין קאסיר ארויסגעבען דעם יוד'ען פון קאסע זיין קרן מיט'ן ריוח. אויך וויפיעל ער האט געקענט פערדינען. און אוועק געשיקט דעם יודען בשלום ובחיים. דעם יוד איז געפאלען דעם קייזער צו דיא פיס האט איהם אנגעדאנקט און איז אוועקגעגאנגען זיין וועג צו זיין פאמיליע וואו ער האט געוואוינט:

ויהי היום. און א קורצע צייט ארום. איינמאל ביינאכט, דער קייזער שלאפט אויף'ן בעט, און און חלום זעהט ער ווי איינער שטעהט געבען איהם און זאגט: טהוא תשובה. קעהר דיך אום און דיין לאנד פון דיינע עלטרען, וואו דו ביסט געבוירען. נעה ארויס פון דיא טומאה. וואש זיך ריין פון דיא שמוץ וואס דיא ביסט פעראונרייניגט געווארען. און ווער א יוד ווי דיינע עלטערען זענען געוועןן. הויב אן צו געהן און דיא וועג פון דיא הייליגע תורה. אזעלכעס האט זיך נאך קיינמאל ניט געחלו'מט און דאס האט איהם איצט אזוי פר מד, זאנדערבאר פרעמד. נעקלונגען. אז ער איז פון ערשיינונג נעבליבען און איין שרעק. עס האט אויף איהם געווארפען פחד דען ווי קען ער אוועקלאזען זיין מלוכה. זיין פאלק לאנד און גלויבען מיט וועלכען ער איז דורכגעוויקט פון קינדהייט ערצוינגען. און מיט א מאל. גוט שבת האסט דיא דיר. ווער נאר א יוד ס'איז עפעס מעגליך צוצובייגען הימעל צו דער ערד אזוי איז דאס מעגליך'

און

גוג דערפריה. דיא הארין האט איהם נעקלאפט האט ער געשיקט רופען אלע נאבאזשנע. היילינגע מענשען אלע כומרים און גלחים. און זיי דערציעהלט דעם חלום. אלע האבען זיך אבגערופען אוג איין קול אז דאס איז נארגישט א חלום איז נאר נישט. ער זאל נאר קיין מורא נישט האבען. מיר וועלען פאר דיר מתפלל זיין וועסט דיא שוין ניצול ווערען פון דיא פוסטע חלומות. פאר'ן אוועקגעהן [illegible]בען זיי איהם נערויכערט בעשפריטצט מיט שפרענג=וואסער און פערזיכערט אז מיט דיא הילף פון דיא סגולות וועט איהם שוין פון היינט אן נארגישט זיין. דיא אנדערע נאכט אבער ווי ער איז נאר ענטשלאפען געווארען און עס חלום'ט זיך איהם ווידער. דער מענש שטעהט נעבען איהם און טענ'עט וואס האסט דיא נעטהאן. נאך ווייניג דיא טומאה וואס דיא ביסט איינגעטונקט געווען אוג איהר ביז אהער. האסט דיא נאך איצט גענעבען א צוזאג איך זאג דיר אלזא ווידער נאך א מאל אז דיא זאלסט וואס גיכער תשובה טהאן און זיך ריין וואשען פון דיא טומאה. ער האט זיך ווידער אויפגעחאפט זייער דערשראקען האט באלד ווידער געשיקט נאך דיא מאנאכען. כומרים און גלחים. האט זיי דערציעהלט אז עס האט איהם געחלו'מט היינטיגע נאכט אויך מיט אלע פינטעלעך. זיי האבען אלזא זייער פלייסיג גענומען ארבייטען אויף אלע כלים אוג גרעסטען פארמאט געשפריצט און גערויכערט. פערשפראכען געזאגט לחשים און סגולות און פערזיכערט אז איצט קאן ער שוין זיין זיכער. דיא נאכט האבען זיי געזאגט. וועסט דיא שוין רוהיג שלאפען. דאך האט ער שוין דיא דריטע נאכט מורא געהאט זיך צו געהן לעגען. און אלס ער איז אזוי געזעסען אויפ'ן בעט און געדרימעלט. איידער ער האט זיך נאך געלעגט און געוועזן וואך. און דער וועלכען ער האט געזעהן אוג חלום איז ווידער דא. זיין אויסזעהן איז ווי א "מלאך אלקים" ער הויבט איהם אויף פון בעט. פיהרט איהם צו צום טהיר און וועקט איהם פאנאנדער. ער ווערט גאנץ וואך און מונטער. ער עפענט גוט אויף דיא אויגען און קוקט איהם אן אויג אוג אויג. און דיא זעלטענע פיגורע ווענדט זיך צו איהם מיט דיא ווערטער און זאגט: געדענק בערעכען זיך ווער דיא ביסט. פון וואנען דיא שטאמסט. געדענק אז דיא ביסט א קינד געבוירען פון גאט'ס פאלק. רבי נתנאל חסיד'ס זוהן פון יענע שטאדט. אז דיין פאטער פלעגט קינדהווייזערדיך מיט דיין פערשטארבענעם ברודער טראגען אויף די אקסלען אוג חדר אריין. און אזוי אלץ דערצעהלט אלץ וואס אויף איהם איז אריבער פון דאן ביז היינטיגען טאג. ביז אהער. האט ער געזאגט. בין איך צו דיר נעקומען אוג חלום. זעהענדיג אבער אז דיא ביזט עם אינגאנצען מבטל. מיינסט אז דיין חלום איז גלאט דורך אירנענד וועלכען עס איז צופאל. נאר אהן א זין. און פערקעהרט. אויסער וואס מיינע ווערטער זענען ביי דיר ארויסגעווארפען נעהסט דיא נאך אלץ ווייטער אוג דיא טומאה. בין איך אלזא צו דיר געקומען וואכענדיגערהייד. זאלסט מיר זעהן מיט אפענע אויגען אוג רעדען מיט א אפענע מויל זאג מיר אלזא קלארע דבורים. ווילסט דיא הערען וואס איך זאג דיר איז מה טוב ומה נעים. אוי

אוודאי

אודאי שוין אונ פיין אונ גוט . ווען נישט זאָג איך דיר דיא הערסט וואָס איך זאָג דיר . אויב דיא ווערסט דיך האַלטען בייא דיינס אונ הערסט הינט אויך נישט וועלען פאָלגען וועל איך דיך דערשטיקען :

הערענדיג אז מען זאָגט דערשטיקען האָט איהם אָנגענומען

אַ מורא ופחד. דיא פריהערדיגע דבורים האָבען איהם אַלזאָ אָנגעהויבען צו קריכען אונ קאָפּ . ער האָט זיך אָהן געהויבען דערמאַהנען זיין פריהע יוגענד דען אז מען דערמאָנט געדענקט זיך . אונ דער קייזער האָט געזאָגט : מיין הער! זאָג מיר וואָס האָט דיר געבראַכט אז דיא זאָלסט מיר צווינגען זיך אומצוקעהרען אונ דיא לאַנד פון מיין פאַמיליע די קענסט מיר נישט ? האָט דער מאַן געזאָגט . ניין מיין הער. האָט דער קייזער געענטפערט איך געדענק נישט , איך וויים גאָר נישט , איך האָט ער געזאָגט בין דער מלאך וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פון די מצוה וואָס די האָסט געטאָהן ווערענד די האָבסט גערעטעט פון טויט דעם פערוואונדעטען יודען . אונ אומגעקעהרט זיין גאַנצען שאָדען , אונ וויל דיא האָסט מיר בעשאַפען אונ אַ צייט ווען די האַלסט זיך נאָך בייא דיין טומאה לאָזט מען מיך נישט אַריין אין די אויבערשטע מחיצה פון די מלאכים וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען פון מצות אונ מעשים טובים , וואָס טוהען זער קדש גוטע מענשען . איך טרייב מיך אַלזאָ אַרום, אונטערען הימעל אונ האָב דער וויל גרוים צער . אַזוי לאַנג ביז וואַנען דיא ווערסט נישט תשובה טאָהן וועט מען מיך נישט אָהנגעמען דאַן האָט דער קייזער געזאָגט : איך בין מוכן ומזומן צו נעמען אויף מיר דעם עול מלכות

שמים . עס איז מיר אָבער זייער שווער זיך אַרוים צו האַפען פון דיא נעמין אין וועלכע איך בין דאָ געהאַפּב געוואָרען מיין וויב איז אַ געבוירענע גויה אונ אָהן איהר קאָן איך נישט ענטלויפען טאָמער וועט דיא וויב נישט וועלען געהן מיט מיר איז עס אַגאַנץ שווערע הלכה. דערפאַר האָט דער מלאך געזאָגט . זאָלסט די גאָר קיין מורא נישט האָבען איך וועל זי שיקען צו דיר .אונ זי וועט זיך שוין בייא דיר בעטען אַבי דיא זאָלסט נאָר וועלען וועט זי זיך שוין מגייר זיין באַלד איז דער מלאך אַריין אונ צימער וואו די וויב איז גילעגען וואַך . דיא אויגען אָפען אַלס זי האָט דערזעהן די גרויסע ערשיינונג אַזאַ גרויסע פיגורע האָט זי געמוזט צודעקען דעם פנים איך בין דער מלאך האָט ער געזאָגט איך בין דיר געקומען מודיע זיין אים דיא זאָלסט וויסען אז דיין מאַן איז אַ יוד אונ ער וויל געהן צוריק אונ זיין לאַנד אונ זיך אומקעהרען צו זיין אמונה אונ אויב די וועסט איהם אָבעהאַלטען די וועסט נישט ווערען געהן מיט איהם זאָלסט די וויסען אַז איך הרג'ע דיך-מיין הער האָט זיך די וויב גיבעטען איך וועל טאָהן וואָס די ווערסט מיר הייסען . אויב אַזוי האָט ער גיזאָגט . טאָ געה אַריין צו דיין מאַן אונ זאָג איהם דיא ווערטער דער מלאך איז נעלם גיוואָרען די וויב האָט זיך באַלד אויפגעהויבען איז אַריין אין מאַנס צימער . אונ איהם נעטראָפען זיטצע אונ אַ ווינקעל אויף דער ערד , וואָס טהוסט די עפּעס דאָ ? וואָס ביסט די עפּעס איצט אַהער געקומען ? האָט דער קייזער געזאָגט . זאָג מיר די האָנ די וויב געזאָגט וואָס די זיצט עפּעס אונ אַ ווינקעל אויף די ערד , פאַ

וואָס

וואס ליגסט די נישט און בעטסט? זאג מיר די דיא סבה פון דיין איצטיגען קומען. האט דער קייזער געזאגט וועל איך דיר אויך זאגען. ניין האט זיא געזאגט. דערצעהל מיר די פריהער וועל איך דיר נאכדעם זאגען. ביז איינער האט דעם אנדערען צום סוף אויסגעזאגט דעם גאנצען סוד און זייא ביידע איינגעשטימט אויף איין זאך. ואו די וועסט געהן. האט זי געזאגט. וועל איך אויך געהן איך וועל זיך מיט דיר נישט שיידען דיין פאלק איז מיין פאלק און דיין גאט איז מיין גאט זיי האבען זיך נאר געפונען שלעכט נישט וויסענדיג וויא אזוי. דורך וועלכען מיטעל זיי זאלען פון דאנען קענען ענטלויפען און ווי אזוי זייא זאלען נעהמען דיענען גאט:

ווי זיי זיינען אבער אזוי געזעסען פערזארגט און געטראכט האט זיך ווי דער מלאך ווידער בעוויזען און א פיעל ליכטיגער ערשיינונג און געזאגט: זארגט נישט עס זאל אייך נארנישט קיממערען. איך וועל אייך שוין ווייזען די וועג ווי איהר זאלט זיך פיהרען און אוואו צו געהן.—איך וועל אייך אויך אנזאגען א בשורה אז איטצט און דיא מינוט ווי איהר האט אויף זיך גענומען זיך אומצוקעהרען צו גאט. האט מען מיר שוין אנגעהויבען ארונצולאזען צו קומען אויף דיא מדריגה פון דיא אונטערשטע מלאכים.—איטצט וועל איך דיר א עצה געבען. מארגען זאלסט דיא זיך נישט אויפהויבען פון בעט. זאלסט זיך מאכען קראנק ביז אלע שרים וועלען צו דיר קומען. דאן זאלסט דיא זיי זאגען אז דיר שהוט זייער באנג אויפ'ן שאדען וואס דיא מלוכה האט געהאט פון דיא מלחמות. וואס איהרע פינאנסען זיינען איטצט קלענערע. דער קאפיטאל און רייכסבאנק איז אבגעפאלען. עס איז ווענינ געבליבען. וועלען זיי בעטען ביי דיר א עצה וואס צו טהאן זאג דיא זאגען אז דיא עצה איז מעזאל פערקויפען דיא נאלאגען. אלע אבצאהלונגען פון עטליכע שטעדט אויף א געוויסע צאהל יאהר. און אבנעהמען דאס געלד פארויס. אום צו ערפילען דעם דעפיציט וואס די באנק האט געהאט און דער קאפיטאל זאל ליעגען גרייט. אהן דעם קען עס נישט זיין. דען מאלע וואס עס מאכט זיך מיט א מלוכה. דער קייזער האט אזוי געטהאן ווי דער מלאך האט איהם געהייסען. אויף מארגען העט ער זיך נישט אויפגעהויבען. איז געבליבען ליעגען און בעט. אלע שרים זיינען צוא איהם געקומען געוואהר ווערען. ער האט זיי אלזא ארויסגעזאגט זיין צער וואס דיא רייכסבאנק געהט צו ענדע. זי האט זיך אויסגערעדט און געבליבען אהן געלד. און טאמער טרעפט זיך פלוצלונג א מלחמה וואו וועלען מיר זיך ווענדען צו הילף. דיא ביזט דאך אונזער קייזער. האבען זיך אלע שרים אבגערופען און אויף דיר ליעגען מיר אונזער גאנצע האפנונג. גיב עפעס א עצה וואס צו טהאן וועלען מיר אנווענדען אלע קרעפטען דיין גזרה אויסצופיהרען. איך וויל נישט מאכען קיין שווערינקייט דיא אינטענדאנטען פון מיין מלוכה. האט דער קייזער געזאגט. נישט ארויפלייגען נייע נאלאגען און נישט מאכען ביי זיי קיינע הלוואות. מיין ראטה איז אלזא צו פערקויפען דיא איינגעפיהרטע פאראטקעס פון איניגע שטעדט און דערפאר אויך צעהן יאהר פארויס. דאס וועט איינברענגען א גרויסע

סומע

בזמע געלד . וואס עס וועט זיין געגוג און איבערגענוג צו דעקען דיא היזקות און צו בערייכערען דיא באנק , זי זאל האבען שטענדיג ליגענען גרייט א גרויסע סומע און פאל ווען עס וועט אויסברעכען א מלחמה און אלץ וועט זיין און ב׳ בטען ארדנונג . אלע שרים און געגעראלען איז דער פלאן זייער געפעלען געווארען . מען האט באלד געלאזט פובליקירען . צעשיקט זאיאוולעניס אומעטום און גאנצען לאנד מודיע זיין פון דעם טאג וואס עס וועט זיין . אז דעם און דעם טאג וועט מען דא און דא און יענע פאלאטע פערקויפען אויף צעהן יאהר דיא איינגעהאלטע רעגירונגס נאלאגען פון דיא און דיא שטעדט דיא און דיא דערפער . דיא פראדאזשע האט איינגעבראכט א אוצר געלד און דאס איז איינגעטראגען געווארען און דיא קייזערליכע קאסע :

און איינע טאג ארום און דעם קייזער האט זיך דער מלאך ווידער בעוויזען און געזאגט : הער צו וואס איך וועל דיר איצט הייסען . איצט אז אונטער דיין האנד ליגט אזא גרוס פערמעגען . זאלסט דיא זאגען דיינע מענשען . אז אום זיך צו ערהאלטען קומען צו זיך נאכ׳ן גרויסען קלאפ . דעם ״עגמת=נפש״ וואס דו׳א האסט געהאט פון דיין ברודערס טויט . דארפסט דיא ארויספאהרען און א שטאדט וואו עס איז מעהר פערפלאנצט . און דיא לופט איז געזונדטער . ריינער . בעסער . מען וועט דיר אויף אזא ארט געווים נישט שטערען און קלויב זיך אויס דריי גוטע געזונדטע פערד . דיא בעסטע פון דיינע שטעלער דאס גאנצע געלד וואס איצט ביי דיר און די קייזערליכע קאסע . אלע גרויסע סומע וואס זענען איצט און די רייכסבאנק פון דאס ניי ארייגעטראגען געווארען זאלסטו די מיט נעמען אלס זאפאס אויפ׳ן וועג . און אלס די וועסט מיט דיין ווייב און איין משרת וואס די וועסט זיך אויסקלויבען זיין אונטערען שטאדט . וועל איך שוין זיין גרייט דיר צו עמפפאנגען איך וועל דיר שוין ענטקעגען קומען . און יענעם און יענעם ארט דארט וועל איך זיין . די וועסט מיך דארט טרעפען שטעהן דיינע משרתים וועל איך הרגנ׳ען . און איך וועל מיט אייך געהן איך וועל אייך פיהרען און ווייזען דיא ריכטיגע וועג . מיט מיר וועט איהר שוין קענען זיין זיכער אז עס וועט אייך קיין שלעכטס נישט טרעפען . און אזוי האט דער קייזער געטאהן . האט נישט געלאזט פאלען קיין ווארט פון אלין וואס דער מלאך האט איהם געהייסען . ווען ער איז ארויס פון שטאט . האט ער ווירקליך געטראפען דעם מלאך אויפ׳ן בעשטימטען ארט דעם משרת האט ער באלד געהרג׳ט זייא האט ער געהייסען פערטאכען דיא אויגען . ער האט זייא געגומען און און אויגעגבליק האבען זייא זיך שוין געפינען מיט דיא פערד און דאס גאנצע פערמעגען נעבען דעם פאטער רבי נתנאל׳ס שטאדט . דער מלאך האט זייא באלד געהייסען עפענען דיא אויגען . און דעם קייזער האט געגומען קלאפען דאס הארץ דערקענענדיג דיא אלטע שטאדט פון זיין געבורען היים דאן האט איהם דער מלאך געזאגט . דיין פאטער און מוטער זענען שוין לאנג געשטארבען . נאר דיין פעטער דיין פאטער׳ס ברודער . א גרויסער גאון . איז דא רב . אז דיא וועסט אריינגעהן און שטאדט זאלסט דיא געהן

געהן צום פעטער. זאלסט זיך איהם
געבען צו דערקענען און דערצעהלען
אלץ וואס מיט דיר האט פאסירט.
אלץ וואס איז מיט דיר אריבער. ער
האט זיך מיט דיר זייער פרעהען און
וועט דיך פיהרען און גלייכען וועג.
דער מלאך האט פון איהם אבשייד
גענומען און געזאגט. געדענק זאלסט
נישט פערגעסען אלץ וואס דיינע
אויגען האבען געזעהן. און זאלסט
זיך האלטען אהן יודישקייט. אהן
גאט'ס מצות איהם צו דינען וועט דיר
דער אויבערשטער העלפען און דיא
וועסט זיין גליקליך. ער איז אריין און
שטאדט מיט דיא הייב און זיין גאנצעס
פערמעגען. האט ער זיך נאכגעפרעגט
אויף זיין פעטער דעם רב. וואו ער
וואוהנט. ער איז צו איהם אוועק און
בסוד זיך איהם געגעבען צו דערקענען
האט איהם דערצעהלט אלץ וואס מיט
איהם האט פאסירט. דער פעטער האט
זיך מיט איהם זייער געפרעהט. איז
איהם געפאלען אויפ'ן האלז. זיי האבען
זיך צוקושט און בייזע געוויינט. דער
דער רב. זיין פעטער האט איהם
געוויזען די וועג פון דער תורה. וויא
אזוי ער זאל תשובה מאכען מתקן זיין
זיין נשמה. אויך די הייב האט ער
געהייסען געהן טבילה און האט איהר
מגייר געוועזן וויא דער דין איז. דער
נייער גביר און שטאדט האט זיך
געקויפט א הויז זיך דארט באזעצט
מיט די הייב דאס פערמעגען האט ער
געהאלטען ביי זיך און גענומען עסען
פון מזומן געלד דאס איז דאך אבער
קיין פלאן נישט האט ער געבעטען
דעם רב און ער האט איהם געגעבען א
מעקלער וואס איז געוועזן א מוחזק אין
שטאדט פאר א ערליכען מאן. ער
זאל דורך איהם קאנען פיהרען געשעפ=
טען. דער מעקלער האט געקויפט און
פערקויפט אלין איז געגאנגען דורך זיין
האנד. און גאט איז מיט איהם געוועזן
ער האט אומעטום געגליקט. און ער
דער גביר אליין איז נישט ארויס
געגאנגען מפתח ביתו. איז שטענדיג
געזעסען און געלערנט. האט חוזר
בתשובה געוועזן געטאהן אלע תיקונים
ווי דער רב האט איהם געהייסען:

ויהי היום. אין שטאדט איז געוועזן
א ארימאן די גאנצע שטאדט פלעגט
מיט איהם מאכען שפאס טרייבען ליצנות
חוזק מאכען פון איהם. און ער איז
געוועזן א נישטאקל האט נישט געקענט
קיין צוויי צעהלען און האט אלין
פערשוויגען. גאר נישט געענטפערט
מיט א מאל און יענער תם האט זיך
אויפגעהויבען איז אוועק אויפ'ן מארק
וואו די בערזע פון די גרויסע סוחרים.
יודישע סוחרים און וועלכער סוחר עס
פלעגט דורך געהן. פלעגט ער נעהמען
שרייען באנדע קופיען! פאר וואס
האסט די דארטען און דארטען דעם און
יענעם טאג געטאהן דיא און דיא
עברה פאר וואס האסט דיא דא אזוי
געזינדיגט דארטען אזוי און נעכטען
ביינאכט האסט דיא דעם און דאס
געטהאן. אזוי פלעגט עס שרייען און
אויסזאגען פון חדר אלע סודות וואס
יעדער האט געהאלטען בעהאלטען
דיא עברות וואס מען האט געטהאן
און דער פינסטער. שטילערהייד.
קיינער זאל נישט זעהן. אויסגעזאגט
אלע פערבארגענע חטאים פון צייט
ער לעבט ביז היינטיגען טאג. און
אויסרופען. זידלען און שימפפן. אז
דעם סוחר איז פינסטער חשך געווארען
פאר די אויגען האט פערלארען דעם
פנים מיט'ן שטערען האט נישט
געהאט קיין מוטה אויפצוהויבען די קאפ

און ענטפֿערען אַ וואָרט. האָט ניִשט געהאַט קיין כח קיין מוטה און ניִשט געהאַט אַפילו קיין פּיִס צו ענטלויפֿען פֿאַר חרפה. דען דער אמת האָט איהם געשטאָכען דיא אויגען. אַלע האָבען פֿאַר איהם מורא געקריגען ווי פֿאַר פֿייער. האָבען זיך בעהאַלטען דערזעהענדיג איהם פֿאַר אַ וויאָרסט. אַ פּשיטא דורכצוגעהן וואו ער איז געזעסען. און צוזאַמען מיט דער פּליאָה וואָס פֿון דעם לעמאַך איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען אַזאַ הרב חדה האָט מען טאַקי ביסלעכווייז גענומען אַ ביסעל תשובה טהאָן. מען האָט געציטערט. געפּלאַטערט. אַ קליינינקייט אַזעלכע בזיוגות, צבוע׳קעס האָבען זיך שוין מעהר ניִשט געקענט בעהאַלטען אונטערען שלייער. און מען האָט אָנגעהויבען ווערען אַ ביסעל פֿרימער. דיא גאַנצע שטאָדט דערוויסענדיג זיך פֿון רבי נתנאל חסיד׳ס זוהן. דיא גאַנצע מעשה וואָס מיט איהם איז געשעהן אַז ער איז גאָר פֿריהער געוועען אַ גוי און געזעהן ווי אַזוי ער איז מצליח און אַלע געשעפֿטען. עס געהט איהם ווי פֿון וואַסער. האָבען זיי איהם שטאַרק מקנא געוועען. עס האָט זיך זיי געוואָלט דערוויסען געגוי און איינצייגלען זיינע חטאים וואָס ער האָט אַלין געטהאָן. אום זיי זאָלען איהם האָבען וואָס אויפֿצוואַרפֿען. עס האָט זיך זיי שטאַרק געוואָלט אַ קוק טהאָן וואָס ליגט דאָרט ביי איהם אונטערען לונג און לעבער. חברה לאָבוסעס פֿעהלען דאָך אויך ניִשט און דער סוחר ישער וועלט. האָבען זיי אַלזאָ גענומען קלערען אַ עצה ווי אַזוי איהם ארויסצוקריגען פֿון שטוב וואו ער זיצט טענדיג סגור ומסוגר. ווייל ער איז ...׳ עונות און פּשעים און האָט קיין

העזה ניִשט דיא מענשען אָנצוקוקען. און אַ מאָל פֿערבייפֿיהרען נעבען דעם שמענגי. ער זאָל איהם מכבד זיין וועלען זיי זיך האָבען איבער וואָס צו פֿרעהען. זיי האָבען אַלזאָ גערופֿען זיין מעקלער און צוגעזאָגט גוט צו בעצאָהלען אַז עס זאָל איהם לינגען. אַזוי אַז דיא געלד האָט איהם פֿערבלענדט דיא אויגען און האָט איינגעשטימט אויף זייערען אַ פּלאַן ווי זיי האָבען איהם אַ עצה געגעבען ארויס צוקריגען דעם גביר פֿון שטוב און פֿערבייפֿיהרען נעבען דעם נביא:

דער מעקלער איז אַלזאָ געקומען
צום גביר ווי זיין שטייגער איז
און פֿאָרגעלייגט אַ אַרטיקעל.

אַ גרויסען טראַנספּאָרט סחורה וואָס איז איטצט זייער חריף. עס שטעהט אָן איהר אַ סך צו פֿערדיענען. נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיעל ריוח. און מען קאָן עס איטצט קויפֿען בזול גדול. נאָר די איינענטימער ווילען ניִשט פֿערקויפֿען ביז דער קויפֿער זאָל אַליין קומען בכן אויב דיא ווילסט עס קויפֿען איז קיין אַנדער פּאַל ניִשט נאָר דיא זאָלסט געהן מיט מיר צום סוחר. דער גביר האָט זיך ענטזאַגט און געהייסען דעם מעקלער ער זאָל זיך משתדל זיין ביים סוחר אַליין דורכצופֿיהרען דעם געשעפֿט זאָגענדיג אַז דער קונד געהט ניִשט און ערגעץ צו קיין מענשען און דער וועלט. דער מעקלער האָט זיך געמאַכט ווי ערגעהט זיך אַהין משתדל זיין. איז אַוועקגעגאַנגען. אונטערגעוואַרט און צוריק געקומען. בכן פֿאַרפֿאַלען. זאָגט ער. איך בין שוין פֿערמאַטערט געוואָרען רעדענדיג און איבררעדענדיג דער סוחר וויל ניִשט אַנדערש ער וויל נאָר אָנקוקען דעם איינענטהימער און מאַכען דעם קאָנטראַקט דוקה מיט דיר

אַליין

אַליין. דאָך האָט דער גביר נישט געוואָלט. ער האָט איהם געשיקט אַ צווייטען מאָהל און דער מיקלער האָט געמאַכט דאָס זעלבע וואָס פריהער. ער איז געגאַנגען עטליכע מאָל ביז ער האָט איהם איבערגערעדט. איינגענומען מיט רייד ער זאָל מיט איהם געהן. ער האָט איהם אַלזאָ פערביינעפיהרט דעם נביא וואָס זאָגט אַלין אוים פון חדר. אַלע פערבאָרגינע עברות. אַלע סוחרים זענען געשטאַנען פון דערווייטען זעהן וואָס דאָ וועט זיין באַלד וועלען זייא אָהן קוועלען פון שמחה. שוין איז די נקמה זיי וועלען הערען אַזעלכעס וואָס קיין אויער האָט עס נישט געהערט דאָס וועט אַלין טויגען צום געשעפט. און דעם תבווי ער האָט דערזעהן דעם גביר רבי נתנאל'ס זוהן האָט ער געחאַפּט זיך אויפגעהויבען און איהם ענטקעגען געלאָפען דער גביר האָט זיך אָבגערוקט האָט זיך געשעמט צוצוגעהן צו אַזאַ אָבגעריסענע בריאה. דער תם האָט איהם אָבער אָנגענומען און געזאָגט: געה נישט ס'איז נישטאָ קיין זאַך צו קויפען און קיין זאַך נישט ס'איז אַלין אָבגענאַרט. שקר וכזב געה צוריק אַהיים דען איך האָב דיר צו פערטרויען אַ סוד. אַלע זענען געבליבען ערשטוינט. האָבען זיך געוואונדערט וואָס נישט נאָר ער האָט איהם נישט מבזה געווען בחרפה געשפעלט פאַר זיינע חטאים ווי זיי האָבען געוואָלט. נאָר אדרבה כבוד אָבגעגעבען גערעדט מיט דרך ארץ און פון זייער שמחה וואָס זיי האָבען זיך איבער איהם געוואָלט פרעהליך מאַכען און אַביסעל אַ לעב מאָהן איז געוואָרען אַ בוידעם דעם גביר איז אַלזאָ אַוועק אַהיים. דער תם איז איהם נאָכגעגאַנגען און אריין צו איהם אין שטוב. וואָס ווילסט די דען האָב דער גביר געזאָגט דאַרפסט אפשר געלד וועל איך דיר געבען און געה געזונטערהייד. איך וויל פון דיר גאָרנישט האָט דער תם געזאָגט. נאָר די זאָלסט מיט מיר אַריין געהן און לעצטען צימער איך האָב מיט דיר צו רעדען אַ געהיימען סוד וואָס קיינער דאַרף נישט הערען זייא זענען ביידע אַריין געגאַנגען אין אינעווייניגסטען לעצטען צימער. די טיהר פערשלאָסען און דער תם איז דעם גביר געפאַלען אויף'ן האַלז. האָט איהם אַרומגענומען געהאַלזט און געקושט און זייער געוויינט. און טרעפען טרויער טייכען טרערען געגאָסען. דעם גביר האָט די סצענע זייער גערירהט און געפרעגט: אויף וואָס ליידסטו און וויינען וואָס וויינסט דו?? דו קענסט מיך ניט? האָט דער תם געזאָגט וויינענדיג באָדענדיג זיך און טרערען. ניין האָט דער גביר גענטפערט. אמת האָט דער תם געזאָגט אַז דו קענסט מיין פנים נישט דערקענען אָבער מיין קול. ווי קען דאָס זיין די זאָלסט נישט דערקענען נאָכ'ן קול. דו געדענקסט מיר נאָר נישט? אוי וויא קען דאָס זיין אַז די זאָלסט מיר נישט געדענקען. דער גביר האָט איהם אָבער נאָך נישט דערקענט:

דאַן האָט ער זיך איהם געגעבען צו דערקענען און געזאָגט: איך בין דיין ברודער וואָס מען האָט מיך געהר'גט אין יענער מלחמה. ווען מיר זענען דאָרט אויף יענעם פּאָסטען געשטאַנען. גוט און וואויל איז דיר אַז די האָסט נאָך זוכה געווען בייס לעבען צו ווערען אַ יוד וועה איז מיר אָבער ווינד און וועה איז מיר! אומגעטריבען. נע ונד בין איך אויף דער וועלט. ביז העד האָב איך קיין

מנוחה

מנוחה געהאט מיין נשמה האט אומגעשוועבט אויף דער וועלט ביז מ'האט מיר געגעבען רשות אריינצוגעהן אונ דעם מענטשען מתקן צו זיין די רשעים וואס זענען כלומר'שט פיינע מענשען טראגען אויף זיך א מאסקע אונ טוהען אונטערען שלייער אלדעס בייז. איך זאל זיי אביסעל מחזיר למוטב זיין וועט עס אויך זיין א תיקון פאר מיין נשמה. איטצט בעט איך דיך ברודערקע וויא מיר איטצט וויא א ברודער אונ אויב איך האב זיך בייא דיר פערדיענט זאלסט דוא זיך משתדל זיין אונ געבען א תיקון פאר מיין נשמה. דוא זאלסט לערנען אונ נעהמען אלע לומדים תלמידי חכמים פון שטאדט. אלע בחורים. אלטע לייט מלמדים אונ זייערע תלמידים קינדער פון אלע חדרים אונ זייא זאלען א גאנצע נאכט לערנען תורה לשמה. זאלסט יעדען בעצאהלען נאך זיין ערך אלס צדקה פאר מיין נשמה אזוי זאלסט דו מאהן דרייא נעכט. אונ הגם איך וויס אז דאס איז פערבונדען מיט א גרויסע הוצאה דאס דארף דיך א סך קאסטען איז דער רבונו של עולם א נאמן דיר אוועקצוגעבען דאפעלט. דער גביר האט געהערט די אלע רייד אונ אלס דיא אלטע זכרונות האבען זיך גענומען אונ איהם דערוועקען האט ער זיך זייער צעוויינט אונ געזאגט: איך וועל עס אליין טאהן ער האט באלד געשיקט צוזאמענגענומען אלע לומדים פון קליין ביז גרויס מלמדים מיט דיא תלמידים פון דיא ישיבות תלמוד תורה'ס אונ אין אלע חדרים. אלע האבען בייא איהם אונ אלע שטובען געלערנט דרייא נעכט. אונ דער תם וואס דער רוח פונ'ם גביר'ס ברודער איז אונ איהם מגולגל געווארען איז מיטגעווען אונ נאך יעדער שיעור לערנען האט ער געזאגט „קדיש" יעדער פריהמארגען בעגינען נאכ'ן לערנען האט מען דעם ברודער געמאכט „הזכרות נשמות" מתפלל געוועזען געזאגט קאפיטליך תהלים פון זיין נשמה וועגען. אונ דער גביר האט יעדען שיין בעצאהלט געגעבען א סך צדקה אונ צעטהיילט א מאסע געלד. נאך דעם איז דער תם באלד געווארען אוים נביא. געווארען דער זעלבער לעמאך וואס איז פריער געוועזען דער עולם האט שוין אבער מורא געהאט איהם צו בעלעדיגען. פון איהם שפאס צו מאכען. דען מי יודע וועלכער רוח עס קען נאך אונ איהם אריין. גאט קאן נאך אונ איהם אריינשיקען אזא גלגול אז ער זאל זיי פערחשכ'ען דעם פנים אונ זיך פאר אלין אברעכנען. אונ א נאכט נאך דעם איז דער פערשטארבענער ברודער דעם גביר געקומען צום חלום אונ איהם געוואונשען פאר דעם וואס ער האט איהם פערשאפט צו האבען מנוחה ער זאל איבער הונדערט יאהר זיין אונ גן עדן. האבען א „חלק לעולם הבא" דער גביר האט זיך איבער דעם זייער געפרעהט. ער איז געבליבען זיין גאנצען לעבען א היימער יוד האט עוסק געוועזען אונ תורה אונ מצות. געגעבען. א סך צדקה. געשטיצט לומדים. חדרים אונ ישיבות. מען זאל נאר זיטצען אונ לערנען אונ האט מאריך ימים געוועזען געשם'ט אויף דער וועלט. השי"ת זאל אונז אויך געבען אלעס גוטס:

**ענדע.**